אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## פניני שמשון

# חג הפסח

## קורצע איסצוגן און טרעפליכע פערל ווערטער פון רבינו הזרע שמשון זי"ע

### די רמזים אין די סימנים בליל הסדר

**זרוע, ביצה, חזרת, חרוסת.** מען קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס מען נוצט די פיר סימנים ביי די סדר נאכט. אז עס איז מרמז אויף די צוויי טעמים פארוואס כלל ישראל איז ארויס פון מצרים איידער די צייט.

דער ערשטער טעם ווערט געברענגט (סידור האר"י הגש"פ פיסקא 'מצה זו', ש"ך עה"ת שמות יב, יא), כדי כלל ישראל זאל נישט פארפאלן ווערן אין די טומאה, ווייל אויב וואלטן זיי פארבליבן אביסל לענגער אין מצרים וואלטן זיי שוין איינגעזינקן געווארן אין די נ' שערי טומאה.

דער צווייטער טעם פארוואס כלל ישראל איז ארויס איידער די צייט, דאס איז געקומען צוליב די ווי געשריי וואס זיי האבן געבעטן און געדאווענט צום אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות ג, ז - ח) ***רָאֹה רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי*** וגו' ***וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם*** וגו'.

דאס איז מרומז אין די סימנים וואס מען נוצט אינעם ליל הסדר, 'חרוסת' איז מרמז אויף דאסווארט 'חס', אזוי אויך 'חזרת' ווערט אנגערופן בלשון חז"ל (פסחים לט.) 'חסא', וואס דאס איז מרמז אז 'חס רחמנא' דער אויבערשטער האט געשוינט אויף כלל ישראל זיי זאלן נישט פארפאלן ווערן אין די נ' שערי טומאה.

און 'ביצה' און 'זרוע' זענען מרמז אזוי ווי עס שטייט אין ט"ז (או"ח סימן תע"ג ס"ק ד') אז ביצה ווערט אנגערופן אויף אראמיש 'ביעא' וואס איז א לשון פון בעא - ווילן, דער אויבערשטער האט אונז געוואלט אויסלייזן מיט א 'זרוע הנטויה', וואס דאס איז געקומען צוליב די געוויין און תפילות וואס כלל ישראל האט געבעטן דער אויבערשטער זאל זיי אויסלייזן פון מצרים. (שיר השירים אות ח' ד"ה ונגד)

### דער אויבערשטער האט צוגעאיילט די גאולה מיט פיר חלקים

**מצה זו, שאנו אוכלין על שום מה וכו'.** מען קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס מען עסט פסח ביינאכט 'פיר כזיתים מצה' (מוציא, מצה, כורך, אפיקומן), לויט ווי עס ווערט געברענגט פון אריז"ל (שער הפסוקים פרשת בא) אז כלל ישראל וואלט געדארפט זיין אין גלות מצרים 430 יאר. אבער למעשה איז די קושי השעבוד אין מצרים בלויז געווען פאר 86 יאר (פון ווען מרים איז געבוירן געווארן ביז כלל ישראל איז ארויס פון מצרים, מדרש שיר השירים רבה יא, א), קומט אויס כלל ישראל האט בלויז געליטן אין מצרים א פינעפטל צייט (86 מאל 5 = 430) אין גלות מצרים.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הק' (תורת חיים, חולין צב. ד"ה גפן), צוליב דעם וואס כלל ישראל איז ארויס איידער די צייט, און בלויז געליטן א פינעפטל גלות, וועלן זיי דארפן משלים זיין די אנדערע פיר חלקים אין די שפעטער'דיגע פיר גליות (בבל, מדי, יון, אדום).




די סיבה פארוואס טאקע כלל ישראל האט נישט פארענדיגט די יארן אין גלות מצרים, ווערט געברענגט פון אריז"ל (סידור האר"י הגש"פ פיסקא 'מצה זו', ש"ך עה"ת שמות יב, יא), אויב וואלט כלל ישראל פארבליבן בלויז נאך איין רגע מער אין מצרים, וואלטן זיי חלילה פארפאלן געווארן אין נ' שערי טומאה, דעריבער האט זיי דער אויבערשטער געמוזט ארויסנעמען 'בחיפזון' - מיט א איילעניש, כדי זיי זאלן חלילה נישט אריינפאלן אין די נ' שערי טומאה.

דעריבער עסט מען פסח אויפדערנאכט 'פיר כזיתים מצה', וואס איז מרמז אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט צוגעאיילט די גאולה מיט פיר חלקים, און כלל ישראל איז בלויז געווען א פינעפטל צייט אין מצרים, און דאס איז מרומז אין די מצה וואס קומט צוליב וואס די טייג האט נישט געקענט חמץ ווערן, וויבאלד דער אויבערשטער האט ארויסגענומען כלל ישראל מיט א שנעלקייט און איילעניש פון מצרים, אזוי ווי מען זאגט אין די 'הגדה': 'על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וגאלם מיד'. (פרשת בשלח אות י"א ד"ה וכנגד)

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
האשה החשובה מרת רבקה מירל ב"ר יהושע לרנר ע"ה
נלב"ע י"ח ניסן תש"פ
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו הרה"ח רבי שלום לרנר ובתו חנה אסתר אשקלון

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוגתו מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

הצלחה וברכה
יונתן שמואל בן רבקה דינה
להצלחה גדולה וברכה בכל משאלות לבו

הצלחה וישועה
ישעיה בן צלחה
לישועה והצלחה גדולה בעסקיו ולא יהיה לו שום פגע

זיווג הגון
שרה שרון בת סופיה
לזיווג הגון בקרוב ממש מתוך אושר ושמחה

הצלחה מתוך מנוחת הנפש
אליאס בן איסתרייה
וזוגתו
סופיה בת אסתר
עושר ושפע בלי גבול הצלחה וברכה בעסקיהם מתוך מנוחת הנפש

זיווג הגון
יוכבד ג'ובנה בת מירב תמר
לזיווג הגון בקרוב ממש מתוך אושר ושמחה

ברכה והצלחה
שאול בן רחל
להצלחה גדולה בכל העניינים וברכישת הדירות

ברכה והצלחה
דניאל אורי בן רג'ינה מלכה
שיזכה לשפע ברכה והצלחה בכל העניינים ולהשלמת העסקה

ברכה בשפע
ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל עסקיו ולשפע בלי גבול

זש"ק והצלחה
רפאל בן סופיה
וזוגתו
נטלי בת אליסיה
שיזכו להיפקד בזש"ק בקרוב הצלחה מרובה וברכה בכל העניינים

פרנסה בשפע
רפאל דוד בן נעמי
להצלחה בכל העניינים ולבשורות טובות פרנסה בשפע מתוך נחת

## צוערשט 'מצה' און דערנאך 'מרור'

**רבן גמליאל היה אומר, כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו, ואלו הן פסח מצה ומרור** וכו' (פסחים קטז.), רבן גמליאל ברענגט אראפ דער סדר, צוערשט 'פסח', 'מצה', און נאר נאכדעם 'מרור'. לכאורה וואלט דער סדר געדארפט זיין קודם 'מרור' און נאכדעם 'מצה', ווייל מרור איז מרמז אויף די ביטערניש פון די שווערע גלות און שעבוד מצרים, און נאר נאכדעם איז געווען 'מצה' בשעת ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים.

מען קען ערקלערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין די מפרשים (סידור האר"י הגש"פ פיסקא 'מצה זו', ש"ך עה"ת שמות יב, יא), אויב וואלט כלל ישראל פארבליבן אביסל לענגער אין מצרים וואלטן זיי פארזינקן געווארן אין די נ' שערי טומאה. דעריבער האט דער אויבערשטער צוגעאיילט די גאולה, און ארויסגענומען כלל ישראל איידער די צייט. אבער וויבאלד זיי זענען ארויס פריער פון די צייט, וועט מען דאס מוזן משלים זיין אין די שפעטער'דיגע גליות.

מיט דעם קען מען פארשטיין דער סדר פון 'רבן גמליאל' וואס ער זאגט צוערשט 'מצה' וואס דאס איז מרמז אויף די איילעניש וואס כלל ישראל איז ארויס פון מצרים, און נאר נאכדעם ווערט דערמאנט מרור, וואס דאס איז מרמז אויף די שפעטער'דיגע גליות וואס כלל ישראל וועט מוזן ליידן צוליב וואס זיי זענען ארויס פון מצרים איידער די צייט. (פרשת בא אות י"ג ד"ה ונודע)

## אידן ווערן רייך פון מכת דם

**וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ הַיְאֹר וְלֹא יָכְלוּ מִצְרַיִם לִשְׁתּוֹת מַיִם מִן הַיְאֹר וַיְהִי הַדָּם בְּכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם** (ז, כא). דער מדרש (שמות רבה ט, ט) ברענגט אויף דעם פסוק, אז כלל ישראל איז רייך געווארן פון מכת דם, דורכדעם וואס זיי האבן פארקויפט וואסער פאר די מצרים.

די מפרשים שטעלן פארוואס ברענגט דאס דער מדרש נאר אויף דעם פסוק, מען וואלט עס שוין געקענט זאגן גלייך אין די ערשטע פסוק וואס עס ווערט דערמאנט מכת דם. אזוי אויך דארף מען פארשטיין וואס איז די ראי' אז כלל ישראל איז 'רייך' געווארן דערפון, ווי אזוי זעט מען עס פון פסוק?

מען קען ערקלערן פשט, אז די מצרים האבן ערלויבט פאר די אידן צו כאפן פיש פון טייך, און האבן נישט געדארפט באצאלן קיין געלט דערפאר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר יא, ה) **זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם 'חִנָּם'**.

אויב אזוי, ווען עס איז געקומען מכת דם, איז לכאורה נישט געווען גוט פאר אידן אז אויך די פיש אין וואסער זענען געשטארבן, ווייל ביז יעצט האבן זיי געקענט עסן די פיש בחינם, און פון יעצט און ווייטער וועלן זיי מוזן קויפן אנדערע עסן. פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אז די פיש אין וואסער זאל שטארבן?

דאס קומט דער מדרש צו פארענטפערן און דרש'נט פונעם פסוק, אז די אידן זענען רייך געווארן פון מכת דם, און האבן שוין נישט געדארפט צוקומען צו כאפן פיש וואס קאסט נישט קיין געלט, ווייל זיי זענען שוין געווארן רייך פון פארקויפן וואסער.

און דאס איז די ראי' פונעם מדרש אז כלל ישראל איז רייך געווארן, ווייל פון דעם וואס דער פסוק זאגט אז די פיש אין וואסער זענען געשטארבן, מוז זיין אז זיי האבן שוין מער נישט געדארפט צוקומען צו כאפן פיש פון טייך וואס איז בחינם. (פרשת וארא אות ח')

## מיטן דאנקן דעם אויבערשטן ברענגט אראפ השפעות טובות

**וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח.** מען קען ערקלערן די מעלה פון דער וואס פארמערט צו פארציילן סיפור יציאת מצרים.

לויט ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (ויחי דף רלה.), 'באיתערותא דלתתא איתער איתערותא דלעילא', ווען א מענטש איז זיך מתעורר און טוט עפעס אויף די וועלט, איז דאס משפיע און מעורר אויף יענע וועלט. דעריבער ווען א מענטש לויבט און דאנקט דער אויבערשטער טוט דאס פארמערן די השפעות און גוט'ס פון אויבן, עס זאל אראפגעקומען שפע אויף די וועלט.

דעריבער זאגט דער 'בעל הגדה', 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', ווייל דערמיט וואס ער פארציילט די טובות און חסדים פונעם אויבערשטן, איז ער מעורר חסדים און השפעות אויף יענע וועלט, און ברענגט צו דער אויבערשטער זאל ווייטער טון ניסים ונפלאות און שיקן השפעות טובות.

מיט דעם קען מען טייטשן די פסוק אין תהלים (קיח, א) **הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ**, הודו לה' - דאנקט דער אויבערשטער אלע זיינע חסדים און גוט'ס, ווייל דערמיט וועט מען צוברענגען - כי לעולם חסדו - אז דאס וועט מעורר זיין השפעות, און דער אויבערשטער וועט ווייטער שיקן השפעות טובות. (הגדה של פסח אות ג' ד"ה ולפי)

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר

רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה

בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

## טענה פון פרעה פארוואס ער יאגט נאך כלל ישראל

**אָמַר אוֹיֵב אֶרְדֹּף אַשִּׂיג אֲחַלֵּק** וגו' (שמות טו, ט). מען קען ערקלערן א פשט אין די פינעף ווערטער, פארוואס אלע פאנגן זיך אן מיט די אות אל"ף.

לויט ווי עס ווערט געברענגט פון אריז"ל (שער הפסוקים פרשת בא) אז כלל ישראל וואלט געדארפט זיין אין גלות מצרים 430 יאר. וואס דאס איז בגימטריא פינעף מאל שם אלקי"ם (אלקים איז בגימטריא 86 און פינעף מאל 86 איז 430). אבער למעשה איז די קושי' השעבוד אין מצרים בלויז געווען פאר 86 יאר (מדרש שיר השירים רבה יא, א), וואס דאס איז בלויז איין מאל די שם אלקי"ם (86).

דעריבער ווען פרעה האט נאכגעיאגט כלל ישראל, האט ער גענומען די כח און קורזאש, מיט די טענה אז עס איז נישט פארענדיגט געווארן די צייט וואס כלל ישראל דארף ארויסגיין פון מצרים, ווייל זיי דארפן פארבלייבן לויט די מספר פון פינעף מאל די שם אלקי"ם, און מיט דעם האט ער גענומען כח נאכצולויפן כלל ישראל.

דאס איז מרומז אינעם פסוק, אז פרעה האט נאכגעיאגט כלל ישראל מיט די פינעף 'אלפין' וואס איז די פינעף מאל אלקים, וועלנדיג טענה'ן דערמיט אז כלל ישראל קען נאכנישט ארויסגיין פון מצרים. (פרשת בשלח אות י"א)


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120